# פּיניעלע מזיק

## גיט לישון



וואָס די ניבורעט, אָב איעך דעיעם פּראַטיג ניש גינאַט קאָ גרוים בײשיק צי געיבן לושן, וואָל כאָב גינאַט אַ מילעידישע וואָך. גאַנץ ווילקע אין גאַנץ באַליט איז זעיער טראָווריג, ס'איז שוואַרץ אין פּינצטער אין אַלע ווינקילעך. די טריאַטערס שפּילן ניש. די קינימאַרטיגראַפּן אָכעט ניש. אַלע גייען מיט אַרופּגילאָזטע קעפּ. ני בין איעך אָכעט זעיער טראָווריג אין אָב ניש גיגאַט קאָ בײשיק דעיעם פּראַטיג צי געיבן לושן. ני איז גיקימען מאַן רידאַקטער בײזשאַנעק אין אָט צי מיער גיזוגט: פּיניעלע, זאַ ניש קאָ יאָלד אין געב לושן, טי איעך עיעם ציליב אין געב לושן.

ווייסט עך יאַטן פּין דעיער מאַנסע מיט די זיקנע ציען? צ'ווייסט ניש וואָס דועם איז? איעך אָב אָעך ניש גיוויסט. כאַנאַר גיוויסט, אַז דועם איז אַ לינקע שטים פון די היצלעריסטן, נאָר אַז איעך אָב גילײנט דעיעם פּאָליקסבלאַט, אָב איעך פּעשטאַצען די גאַנצע מאַנסע.

העירין יאַטן, וואָס די היצלעריסטן אָנע גיטין: זיי אָבן אַלײנט גימלוכנט אַזאָלכינע מין פּאַרטיקאַלן, אַז ניבע מיר, ידן, ווילן פערכאַפּן די גאַנצע וועלט, אין נאָך אין נאָך בילפּילים, אָבען זיי דועם גירופן „פּאַרטיקאַלן פון די זיקנע ציען", דינועך אָבן זיי די ידן גימאַכט אַ לינקען שטים, אַז דועם אָבן די ידן אַלײנט גימאַכט די פּאַרטיקאַלן.

אין דו אין אַסנלאַנד, אַזשיג אין דער שווייץ אַ ידישע קילע, ניש אַזאַ קילע ווי באַ אינדז אין לאָדזש, נאָר אַ קילע וועיר מיער גיץ נינט, אָט די קילע אַנגיקלוגט די היצלעריסטן וואָס אָבן אַלײנט גימלוכענט די פּאַרטיקאַלן. איז טאַקיש גיוועין אַ ספּראָווע, איין אוודיקאַט פון די היצלעריסטן, פלײשפּאַער — אַ ריעך אין זאַן טאַטנס טאַטן אַראַן, אָט זיך גירים זאַן טרײפינעם גאַרגעל אָף ידן, איז גיקימן אינדזער אוודיקאַט, אַפּיליק אַ גאָז, אין עיער אָט דערלאַנגט לושן, עיער אָט די היצלעריסטן אופּגיריבן די מאַרדים, זאַל נאָר קימן אַ גיזינט אין זאַנע בײנער אַראַן. עץ אָט גידאַרפט העירן לושן. עיער אָט דעיעם פלײש פּאַער אוועקגילײגט ווי אַ גיקוילין כאַזיר. דעיר סאָף איז גיוועין, אַז די היצלעריסטן אָבן פּאַשפּילט די ספּראָווע. דעיר סאָנד אָט אָכיט גיזוגט, אַז די פּאַרטיקאַלן אָבן די היצלעריסטן אַלײנט גימילוכנט.

אין מאַן אײנינים נומין אין אין נומין פּין גאַנץ באַליט אין פּין שמולן געסל שיק איעך איבער יענער קילע אין בעירן אַ האַרציקן מאַזל טאָף, אין די היצלעריסטן זאַל אַנ'אומגליק גישעיען.

דערוואַל אַצין מיער אַ גיטן שאַבים אין זאַצין מיער גיזינט!

# וואַך־קלאַנגען

## לאַוואַל אין מאַסקווע

### פון גראַף קאַלי

דער פראַנצויזישער מיניסטער
דער בעריהמטער ה׳ לאַוואַל
אויפגענומען איז אין מאָסקווע
מיט אַ פּאָמפּע, מיט אַ קנאַל...

די פראַנצויזישע קאָקעטקע
מיטן „רויטען" בחור'על...
ווי געפעלט אייך אַזאַ זיווג?
עפּעס איז דאָס „מעשה־ליז..."

נאָר דער שידוך — יאָ, רבותי,
האַלט ביים ווערען שוין געשלאָסען
און מען זאָגט: אַ פעטען נדן
קריגען וועט דער רויטער חתן...

ווייל די כלה איז אַ רייכע
אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד נאָר בלויז

און דער חתן—כאָטש איז אָרים
נאָר דערפאַר געזונט און גרויס...

אמת, ער איז אויך אַ ווילדער
טוט די שכנים אָפט־מאָל שטערען...
נאָר זי האָפט, אַז נאָך דער חופה
וועט ער דאָך „סטאַטעטשנע" ווערן...

* * *

מאַי... עס זינגען שעהן די פויגעל
און עס בליהען בוים און בלאַט
נאָר מען כאַפּט אַ גוטען ציטער
פונקט נאָך ווי אין חודש שבט...

יאָ אין מאַי אין „וואונדער־שעהנעם"
ווען עס בליהען בעז און רויזען
טראָג איך נאָך דעם ווינטער־פּאַלטען
געה נאָך אין וואַטאָווע הויזען...

# ביים שטאָט־זייגער

## מאָטעלע פראַנקענטאַל און ד"ר פרענקעל

מאָטעלע פראַנקענטאַל געהט אין גאַס מיטן דאָקטאָר פרענקעל. צוקומענדיג צום שטאָט־זייגער אויפן פּלאַץ וואָלנאָשטשי, זאָגט מאָטעלע צום דאָקטאָר פרענקעל:

— פאַניע דאָקטאָזשע, גיט נאָר אַ קוק ווי שפּעט ס'איז.

— פאַרוואָס קוקט איהר נישט, איהר האָט דאָך דאָ דעם זייגער? — פרעגט איהם דר. פרענקעל.

— איך ווייס, אַז דאָ איז דער זייגער נאָר עס גלוסט זיך מיר נישט אויפצוהויבען דעם קאָפּ, איהר דאַרפט דעם קאָפּ נישט אויפהויבען — האָט מאָטעלע דעם דר. פרענקעל ערקלערט.

# פּיטעל און טרייטעל



פּיטעל: וואָס זאָגסטו, טרייטעל, דו האַלטסט פון דער קאַסע באָרע?

טרייטעל: גאָר שטאַרק! מיין שוויגער האָט זיך געליעטשעט אין דער קאַסע באָרע איז זי אין משך פון איין חודש פּטור געוואָרען פון איהרע יסורים.

פּיטעל: זי איז געזונד געוואָרען?

טרייטעל: ניין. זי איז געשטאָרבען.

# אַ לעקציע פון „קונדס"

אויב דו גיבסט אַ וועקסעל אויף אינקאַסע, גרייט זיך אויף אַ פּראָטעסט.

אויב נעהמסטו אַנ'איידעם, ריכט זיך, אַז זיי וועסט איהם אי"ה האָבען אויף קעסט.

אַז דו עפענסט זיך אַ געשעפט, ריכט זיך אויף אַ באַנקראָט.

אַז די נעהמסט אריין צו זיך אַ סובלאָקאַטאָר, גרייט זיך אויף אַ גט.

מאָהן נישט דיין בעל־חוב, ער זאָל דיר אָפּגעבען ס'איז אומזיסט דיין פרעגען.

אויב אַ מיידעל וועט דיר זאָגען ווי אַלט זי איז, זאָלסטו אַ דריטעל דערלעגען.

געה נישט צו אַ דאָזאָר נאָך אַ טובה, ס'וועט דיר נישט נוצען.

זוך נישט קיין פערדינער פאַר דיין טאָכטער, וואָרים זי וועט צוליב דעם בלייבען זיצען.

אויב דיין ווייב וועט וועלען אוועקפאָהרען אויפן זומער, זאָלסטו איהר נישט פערוועהרען. דען זי קאָן חלילה נאָך איבערקלערען.

רעלעם.

## אין געריכטס־זאַל

ריכטער (צום אנגעקלאָגטען „בלינדען מאַקס"): וויפיל קלאַסען האָט איהר געענדיגט, וואָס איהר האָט געוואָלט זיין אַ „סענדזשע"?

מאַקס: די ערשטע קלאַס.

ריכטער: אין דער ערשטער קלאַס קאָן מען דאָך נאָך קיין סענדזשע נישט זיין.

מאַקס: איהר זעהט דאָך, פאַניע סענדזשע, אַז מיינע „ווירזאַקען" זענען אויסגעפיהרט געוואָרען ערשט קלאַסיג...

# דער קונדס

הומאָר • סאַטירע •

צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאַגע צום „נייעם פאָלקסבלאַט" נומער 114 פרייטאג, דעם 17 מאַי 1935

# אונזערע „האַנד־ווערקער־עסקנים"



אַרבייטען נעבעך „שווער און ביטער" ביים לאָדזער יודישען האַנדווערקער־בנין..

